שנה ג׳
נומער ק"ט
פרשת בא
תשפ"ב

קרית ברסלב בלעטל

שישו ושמחו

בשמחת ראש ישיבה שליט"א

געפראוועט פשוטע חתונה אין בית המדרש

דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה קרית ברסלב דינסטאג וארא

בילדער אפטיילונג:
דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור אין לעיקוואוד

הדפסה אפטיילונג:
מען וועט מזכיר זיין אייער נאמען ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע

נייעס:
געפענט בתי מדרשים היכל הקודש אין צווי שטעט

קרית ברסלב
באמעריקע

רעדאקציע
אברהם הערש וועבערמאן
אברהם יצחק אייזנער
יחזקאל שרגא שארף

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידיש שטוב:
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

בריוו
צו די רעדאקציע

אכטונג געבן וואס מען לייגט אריין אינעם בלעטל

בעזרת ה' יתברך

ערב שבת קודש פרשת וארא, מברכים החודש, כ"ז טבת, שנת תשפ"ב לפ"ק

לכבוד מערכת קרית ברסלב בלעטל

איך האב געליינט די מעשיות פון תפילה פון פאריגע וואך, פרשת וארא.

איך וויל ענק מעורר זיין איבער די מעשה וואס א אינגערמאן האט געסטראשעט די קאמפאני, אויב זיי געבן אים נישט צוריק די געלט - וועט ער זיי באשמוצן וכו'.

איך וואונדער זיך אויף אזא שיינע גליון, מען זאל דרוקן אזא מעשה בכלל; וואס האט דאס צוטון מיט תפילה?! דאס איז נישט קיין מעשה פון תפילה, דאס איז א מעשה פון סטראשען, און אפשר אפילו גניבה.

איך זאלט אכטונג געבן וואס איר לייגט אריין אין בלעטל.

פון דער ראש ישיבה.

יואל בן ריצא רעכיל.

יואל רוטה

זמנים Liberty

פרשת בא ו' שבט תשפ"ב

הדלקת הנרות..........04:26

מוצאי שבת............05:57

מנחה מעריב בשלה. 05:40

זמנים Liberty

שבת פרשת בא ביהמ"ד 181 האשקי

מנחה ערב שבת.......05:15

שחרית.................09:30

מנחה ושלש סעודות. 04:55

בס"ד

סימן טוב ומזל טוב

פון טיפן הארצן טוהן מיר וואונטשן א
הערצליכן מזל טוב פאר אונזער חשובער

ראש ישיבה שליט"א

צו די חתונה פון זיין טאכטער תחי'

עב"ג החתן תלמוד הישיבה

נתנאל נ"י

בן ר' **יואל פארקאש** שליט"א

גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל.

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א
קשר של קיימא און א בנין עדי עד, זיי זאלן
זוכה זיין אויפצושטעלן א בית נאמן בישראל,
דורות ישרים ומבורכים, און דער ראש ישיבה
שליט"א זאל האבן כח אנצוגיין מיט
די הייליגע ארבעט פון
פארשפרייטן דעם
אייבערשטן אויף די
גאנצע וועלט, אמן.

שטעטל נייעס

הערליכער באזוך פונעם ראש ישיבה

פארגאנגענעם דינסטאג פרשת וארא, האט מען געהאט די זכי' צו האבן דעם ראש ישיבה אויף א באזוך אין שטעטל.

אויפן וועג צום שטעטל האט דער ראש ישיבה באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל, וואו ער האט געגעבן גאר א שיינעם שיעור, דערנאך איז דער ראש ישיבה געקומען אין שטעטל, און גלייך צוגעפארן צום חדר וואו די טייערע קינדער זיצן און לערנען יעדן טאג, מיט זייערע איבערגעגעבענע מלמדים.

קודם האט דער ראש ישיבה באזוכט אינעם קאך, וואו דער ראש ישיבה האט מחזק געווען דעם חשוב'ן קעכער ר' פנחס דוד וועבערמאן הי"ו, ער זאל אנגיין מיט זיין הייליגע ארבעט, פון צושטעלן עסן פאר אלע קינדער פונעם מוסד, וואס נאר דורך דעם קענען די קינדער האבן כח צו לערנען די הייליגע תורה.

דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט אינעם כיתה פון המלמד ר' הערשל שניטצלער הי"ו, גאר א שיינע און וויכטיגע שמועס האט דער ראש ישיבה געגעבן פאר די קינדער (מען קען עס הערן אויף קול ברסלב 212-444-9191).

דערנאך האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור פאר אלע געטרייע מחנכים, די גרויסקייט פון לערנען מיט קינדער און זיי מחנך זיין צו לעבן מיטן אייבערשטן. דער ראש ישיבה האט געזאגט: "הונדערט יאר ארום וועט קיינעם נישט אנגיין וויאזוי דו ביסט געגאנגען אנגעטוהן, וועלכע הויז האסט געהאט, דעמאלטס וועט נאר בלייבן דאס וואס מען האט אויפגעבויעט די קינדער, און זיך אפגעגעבן מיט זיי."

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז איינע פון די מחנכות האבן אים געזאגט אז זי קען מער נישט זיין קיין טיטשער ווייל זי האט נישט ליב איין קינד אינעם קלאס. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דער הייליגער רבי האט נישט געוואלט זיינע תלמידים זאלן זיין מלמדים, ווייל יעדע מינוט וואס דו לערנסט נישט מיט די קינדער האסטו גע'גנב'ט פון די קינדער, אז דו האסט שוין געענדיגט לערנען מיט זיי, טאנץ מיט זיי, פארציילן זיי א שיינע מעשה. אזוי אויך האט דער רבי נישט געוואלט אז זיינע תלמידים זאלן זיין שוחטים, ווייל מען דארף זיין גאר אן ערליכער איד צו זיין א שוחט. האט איינע פון די תלמידים וואס איז געווען א שוחט געזאגט פארן רבי'ן אז ער וויל אפלאזן די שחיטה, ווייל ער האט מורא אויב ער גייט בטעות נישט שחט'ן גוט. האט דער רבי געזאגט: "ווער דען זאל זיין א שוחט, אויב נישט איינער וואס האט מורא צו זיין א שוחט?" אויב דער מחנך האט מורא אז אפשר גייט ער צוברעכן דאס קינד, אזא מחנך דארף מען האבן." (מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף קול ברסלב ביי די מלמדים שטיבל אפטיילונג 1-4-2-3).

דערנאך האט דער ראש ישיבה באזוכט אין סקול, און שפעטער אויך באזוכט ביי די אנדערע קלאסן אין חדר.

ביים סוף פאר'ן אהיימגיין האט דער ראש ישיבה געדאווענט מנחה צוזאמען מיט די קינדער פון כיתה ט'. נאך מנחה האט זיך פארוויקלט א שיינע שמועס מיט די קינדער, פון וואס די קינדער האבן זייער הנאה געהאט אז דער ראש ישיבה לאזט זיך אראפ צו זיין און שמועסט מיט זיי.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום הויז פון ר' לייב ראטה הי"ו וואס האט זיך לעצטנס אריינגעצויגן אין זיין נייע דירה בשעה טובה ומצלחת, דער ראש ישיבה האט געקלאפט דארט א מזוזה און אנגעוואונטשן אז מען זאל קענען מאכן אין דעם דירה אסאך שמחות.

דערנאך איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צום שטוב פון ר' סענדער ראטה הי"ו וואס האט זיך אויך לעצטנס אריינגעצויגן אין זיין נייע דירה אויף טווין ברידזש, ווי דער ראש ישיבה האט דארט אויך געקלאפט א מזוזה און געווינטשן מען זאל זוכה זיין צו מאכן דא אסאך שמחות אויף לאנגע געזונטע יארן.

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה ארויסגעלאזט אויפן וועג אהיים אין שטאט.

דער באזוך האט געלאזט א גרויסע רושם אויף די קינדער און די חשובע איינגעשטעלטע אינעם מוסד.

היכל הקודש נייעס

בני ברק

גוטע גריסן הערט מען פון בית המדרש היכל הקודש - בני ברק

גאר גוטע גריסן הערט מען פונעם שיינעם ווינקל בית המדרש היכל הקודש בני ברק, וואס האט זיך לעצטענס געעפענט, און שוין האט עס באקומען א גוטן נאמען פאר א פלאץ וואס מען קען האבן התחזקות ווען אימער מען דארף האבן.

יעדן מיטוואך קומט מען זיך צאם, און מען איז זיך מחזק מיט'ן רבינ'ס עצות; קודם זינגט מען צוזאמען ניגוני אמונה, דערנאך לערנט פאר דער גבאי ר' אבא חייא רייזמאן הי"ו פונעם רבינ'ס ספרים, דער נאך פארציילט יעדער איינער א מעשה פון תפילה אדער א מעשה פון הפצה, מען איז זיך מחזק אינאיינעם מיט די שיינע עצות וואס מיר באקומעןביים הייליג'ן רבי'ן.

צפת

געעפנט בית המדרש היכל הקודש אין שטאט צפת - ארץ ישראל

גאר פרייליכע נייעס קומט אריין פון שטאט צפת, אז נאך א לאנגע צייט בענקען און האפן און בעטן דעם אייבערשטן מען זאל קענען עפענען א בית המדרש היכל הקודש, איז דאס יעצט ענדליך צושטאנד געקומען.

שוין א לאנגע צייט וואס עס געפונען זיך פרישע מקורבים אין שטאט צפת, מען קומט זיך צאם ביי יעדע געלעגנהייט, אבער למעשה איז ביז היינט נישט געווען קיין בית המדרש פאר יעדן שבת. יעצט קומט אריין די פרייליכע נייעס, אז מען האט געעפנט דער בית המדרש היכל הקודש צפת, וואו מען וועט זיך צאמקומען יעדן שבת קודש, סיי צום דאווענען, און אזוי אויך צו קענען הערן אביסל התחזקות פאר די גאנצע וואך, אזוי אויך וועט מען זיך מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צאמקומען איינמאל א וואך, זיך צו מחזק זיין מיט די רבינ'ס עצות, וואס דארף ווערן שטענדיג איבערגעחזר'ט כדי דאס זאל נישט ווערן אלט. דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל אריינברענגען א לעכטיגקייט פאר די גאנצע שטאט צפת.

ווילימסבורג

גמ"ח פאר קינדער

גמ"ח היכל הקודש

דאטום	אריינגעלייגט	סך הכל	חתימה

נאמען ________ ID#________

די געלט קען מען נאר ארויס נעמען נאכן חתונה בשעה טובה.
מען קען אריין לייגן געלט אין גמ"ח נאר מיט די קארטל

פרייליכע נייעס פאר אלע חשוב'ע קינדער!!! האסטו באקומען חנוכה אדער פורים געלט און דו ווילסט עס אוועקלייגן אין א פארזיכערטע פלאץ כדי נישט אויסצוגעבן די געלט פאר נארישקייטן? לייג עס אריין אין די גמ"ח וואס ס'וועט ווערן געהאלטן ביז דיין חתונה, פאר די חתונה וועסטו עס ארויס נעמען און זיך דערמיט קענען איינקויפן לכבוד די חתונה וואס עס פעלט אויס.

בעט דיין טאטע זאל דיר עפענען אן אקאונט ביי המלמד ר' יחזקאל סאמעט שליט"א. עס איז דא קינדער וואס האבן שוין עטליכע טויזנט דאלער אין די גמ"ח, נאר פון די ביסל חנוכה און פורים געלט וואס זיי באקומען. די גמ"ח פאליסי איז אז די געלט ווערט נישט ארויסגענומען אויף קיין שום פאל ביז די חתונה.

מעשיות פון תפילה

יעקב משה אינדארסקי - קרית ברסלב:

מיין ווייב האט פארלוירן איר אויערינגל, מיר האבן נישט געוויסט וואו עס קען ליגן, האבן מיר זיך באניצט מיט די אויסגעפרואווטע עצה פון 'תפילה' מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן זייער שטארק אז מ'זאל עס שנעל טרעפן.

שכח אייבערשטער אז די נעקסטע טאג האבן מיר עס געטראפן אויף א פלאץ ווי איך האב בכלל נישט געטראכט אז עס ליגט דארט!

שלום אלי' אינדיג – מאנטרעאל, קאנאדא:

איך וואוין אין מאנטרעאל, איך האב געארבעט אין חדר אין קרית טאהש, בערך א האלבע שעה וועג אין די צופרי טרעפיק.

די חדר האט געצאלט א קאר מיט א דרייווער זאל מיך נעמען יעדן צופרי, דער דרייווער אבער איז נישט געווען צו אחריות'דיג און פלעגט אויפשטיין שפעט און אנשטאט מיך קומען נעמען פון מיין הויז ווייל די חדר צאלט דאך אים ער זאל דאס טון, האב איך געדארפט גיין צו זיין הויז יעדן טאג א מהלך פון אפאר מינוט, ס'איז מיר געווען זייער נישט גרינג און געשמאק, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל אויף עפעס א וועג באקומען א קאר און איך זאל נישט דארפן צאלן פאר דעם און די חדר זאל אויך נישט דארפן צאלן פאר דעם.

איך האב נישט געקענט טראכטן וויאזוי ס'קען אפילו זיין אזא זאך, האבן א קאר וואס קיינער צאלט נישט דערפאר, אבער איך האב געוויסט אז ביים אייבערשטן איז אלעס מעגליך אפילו פאר מיר שטימט עס נישט ממש. אזוי האב איך געבעטן פאר א שטיק צייט.

איין טאג רעדנדיג מיט די הנהלה פון די חדר האב איך פארציילט וואס גייט פאר מיט מיין דרייווער אז ער טוט נישט זיין ארבעט בשלימות און מ'צאלט אים פארן נישט ארבעטן, האט מען גענומען טראכטן וואס מ'קען דא טון, ביז מ'איז אויפגעקומען אז די סקול אין טאהש האט טיטשערס וואס קומען אויך פון מאנטרעאל און די סקול צאלט א קאר מיט א דרייווער זאל זיי ברענגען יעדן טאג, האט מען אפגעמאכט אז פון יענעם טאג און ווייטער וועל איך נעמען די טיטשערס און איך וועל באקומען א קאר בחינם און נאך באקומען באצאלט פאר דעם! יא! די מעשה פון תפילה וואס איך האב אליין קוים געטראכט אז ס'וועט געשעהן איז געשעהן.

משה יודא עקשטיין – קרית ברסלב:

שכח אייבערשטער אז איך האב באקומען א נייע קאר, וואס דאס אליינס איז א שיינע מעשה פון תפילה.

מיין אלטע קאר איז געווען א קאנאדישע קאר, איך האב עס געדארפט צוריקטראגן קיין קאנאדא ווייל די ליעס ענדיגט זיך שוין, אבער אויב איך טראג עס קיין קאנאדא דארף איך דאך שאפן א וועג אהיים.

האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן א געשמאקע באקוועמע וועג פון קאנאדא צום שטעטל, נאכ'ן בעטן דעם אייבערשטן איז מיר איינגעפאלן אז אויב איז דא איינער וואס פארט סייווי קיין קאנאדא קען איך מיטקומען מיט אים אויפן וועג צוריק, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל טרעפן אזא איינער וואס פארט קיין קאנאדא וואס וועט מיר קענען נעמען.

שכח אייבערשטער איך האב געטראפן איינער וואס איז געפארן פונקט יענע וואך וואס איך האב געוואלט פארן, אבער ער האט נאר געהאט א קליינע קאר און ער האט מיר געזאגט אז מ'קען דינגען א גרויסע קאר, אבער יענע וואך איז געווען די גויאישע חגאות און קארס צו דינגען זענען געווען זייער טייער, האב איך ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן מ'זאל טרעפן צו דינגען א גרויסע קאר פאר גאר ביליג.

שכח אייבערשטער אז נאך אסאך תפילה האבן מיר געטראפן א באקוועמע גרויסע קאר צו דינגען פאר שפאט ביליג, אזוי האב איך געקענט צוריקטראגן מיין אלטע קאר און האבן א געשמאקע וועג אהיים.

סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - א' פַּרְשַׁת בֹּא, כ"ט טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן אַ פֶּערְזֶענְלִיכֶע טוֹבָה: **"מַאךְ נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים!"**

דוּ וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט אַז אִיךְ הָאבּ פוּן זִיךְ אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן פַּאר דִיר, אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן אוּן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ שׁוֹין שֵׁיין מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן; הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ וֵוייסְט ווִי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ', בֶּעט אִיךְ דִיר **אַבִּיסְל הַכָּרַת הַטּוֹב:** זָאלְסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין פִּירוּד צְווִישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים; אִיךְ הָאבּ לִיבּ אַלֶע מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן **אִיךְ ווִיל עֶס זָאל זַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק אַלֶע**, אוֹיבּ וֶועסְטוּ פַּיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן וֶועסְטוּ מִיר גוֹרֵם גְרוֹיס צַעַר.

אִיךְ הָאבּ מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַּאר מוֹהֲרַ"אשׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייְכוּת מִיט מַחֲלֹקֶת; בִּפְרָט מַחֲלֹקֶת בַּיי זַיין פְּלַאץ - 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', אוּן אַז אִיךְ הָאבּ דָאס צוּגֶעזָאגְט וֶועל אִיךְ דָאס מְקַיֵּים זַיין מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

פַּאר אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ' הָאבּ אִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיז אַזוֹי שְׁלֶעכְט מִיט מַחֲלֹקֶת, לְמַעֲשֶׂה הַיינְט צוּ טָאגס קֶען אִיךְ נִישְׁט לַיידְן קַיין מַחֲלֹקֶת. אִיךְ הָאבּ דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מוֹהֲרַ"אשׁ, ווִי עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ אוּנְז זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייְכוּת מִיט קַיין מַחֲלֹקֶת.

דֶערְפַּאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר: "הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן הַרְגְ'עֶ מִיר נִישְׁט", אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; קֵיינֶער בַּאצְווִינְגְט נִישְׁט קֵיינֶעם צוּ זַיין דָא אוּן צוּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן אוּנְזֶער חֲבוּרָה, אָבֶּער דָאס קֶען אִיךְ יָא פַארְלַאנְגֶען: "אַז דוּ דְרֵייסְט זִיךְ בַּיי מִיר **זָאלְסְטוּ נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן קַיין שׁוּם אִיד אוֹיף דֶער וֶועלְט**".

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ תַּלְמִידִים וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין יְשִׁיבָה אוּן שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער וואוּ זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ - יֶעדֶער אוֹיף זַיין אוֹפֶן. אַז דוּ ווִילְסְט וַוייטֶער הָאבְּן שַׁייְכוּת מִיט מִיר, אַז דוּ פַארְרוּפְסְט זִיךְ אַלְס אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ זָאלְסְטוּ לִיבּ הָאבְּן יֶעדְן אִיד אוּן קוּקְן גוּט אוֹיף יֶעדְן אִיד.

אִיךְ עֶקְל מִיר פוּן מַחֲלֹקֶת אוּן אִיךְ נֶעם עֶס צוּם הַארְצְן; רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ זֶע צְוֵויי 'טְרֶעגֶערְס' קְרִיגְן זִיךְ, שְׁטֶעכְט עֶס מִיר בַּיי דִי זַייט"; אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס דַארְף יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁטֶעכְן. מִיר שְׁטֶעכְט אוֹיךְ וֶוען אִיךְ זֶע ווִי מֶען קְרִיגְט זִיךְ, עֶס שְׁטֶעכְט מִיר אִין הַארְץ.

אִיךְ מוּז מְקַצֵּר זַיין.

אַ גוּטֶע נַאכְט.

א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א

שמחה

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אז כדי צו זיין פרייליך דארף מען אליין ארבעטן אויף דעם, מען קען נישטווארטן ביז זאכן וועלן זיך טוישן ארום דעם מענטש צום גוטן, און דעמאלט וועט מען זיין פרייליך, ווייל אלעמאל וועט זיין גוטע סיבות און תירוצים פאר יעדן מענטש פארוואס צו זיין טרויעריג און אומצופרידן, דערפאר דארף מען אייביג ארבעטן אויף זיך צו זיין פרייליך אפילו ווען נישט אלעס איז מסודר אזוי ווי מען וויל.

אין א שמועס מיט די בחורים וועגן שמחה האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אמאל אויסגעדרייט צו א בחור און אים געזאגט: טראכט נישט אז ווען דו וועסט טרעפן דיין שידוך וועט דאס זיין גענוג דיר צו מאכן פרייליך, איך וועל דיר ווייזן 'אינגעלייט' וואס דרייען זיך ארום טרויעריג מיט לאנגע אראפגעלאזטע נעזער, זיי זענען אויך צעבראכן; און איך וואונדער זיך, איך פארשטיי נישט פארוואס דער אינגערמאן איז אזוי צעבראכן, ער האט דאך אזוי שטארק געוואלט חתונה האבן, ער פלעגט אסאך וויינען דערויף, און יעצט אז ער האט שוין חתונה געהאט איז ער ווייטער טרויעריג?! מען דארף אסאך ארבעטן צו זיין פרייליך, ווייל עס איז זייער שווער צו זיין שטענדיג פריילין, ווי דער הייליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן כ"ד): **"כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשׁוֹךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחוֹרָה וַעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן"**, א מענטש ציט בטבע צו עצבות און מרה שחורה צוליב די איבערגייעכצער וואס גייען אריבער אויף אים שטענדיג.

צו זיין צעבראכן איז נישט קיין שווערע זאך, ווייל בטבע ציט דער מענטש צו צעבראכנקייט; ער האט נישט קיין פרנסה - איז ער צעבראכן, ער האט יא פרנסה - איז ער ווידער צעבראכן, איך דארף מער געלט; איז ער נישט חתונה געהאט - איז ער צעבראכן, איז ער יא חתונה געהאט - איז ער ווידער צעבראכן: 'איך מוטשע זיך מיט מיין ווייב, מיט מיין שווער און שוויגער'; האט ער נישט קיין דזשאב - איז ער צעבראכן, האט ער יא א דזשאב - איז ער ווידער צעבראכן: 'איך לייד פון מיין בעל הבית'; אזוי קען מען שטענדיג טרעפן זאכן פארוואס צו זיין צעבראכן און אומצופרידן; דערפאר, אויב וויל מען זיין פריילין, דארף מען אסאך בעטן דעם אייבערשטן: **"רבונו של עולם איך וויל זיין פריילין"**.

הפצה ווינקל

בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח׳ טֵבֵת, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז יֶעצְט צְוָואנְצִיג יָאר נָאךְ דַיין חֲתוּנָה הָאסְטוּ מְסַיֵּים גֶעוֶוען דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל אַ גַאנְצֶע מַסֶכְתָּא; בְּמֶשֶׁךְ דִי פַארְלָאפֶענֶע צְוָואנְצִיג יָאר הָאסְטוּ פְּרוּבִּירְט אַלֶע וֶועגְן אוּן דוּ הָאסְט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן, נָאר יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי׳ן (הַמְבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) הָאסְטוּ מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן מַסֶכֶת נִדָה.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן שַׁ״ס כְּסִדְרָן; לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט, קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם וָואס דוּ פַארְשְׁטֵייסְט יָא אָדֶער נִישְׁט, גֵיי כְּסִדְרָן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט.

חוּץ מִזֶּה זָאלְסְטוּ הָאבְּן נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין שַׁ״ס צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַבִּיסְל צַייט זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בְּלֶעטֶער גְמָרָא וֶועסְטוּ בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט עֶנְדִיגְן שַׁ״ס, בְּמֶשֶׁךְ דַיין לֶעבְּן קֶענְסְטוּ נָאךְ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שַׁ״ס דָאס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיטְ׳ן דַף גְמָרָא; מֶען דַארְף הָאבְּן בֵּיידֶע, סַיי דֶעם בְּלַאט גְמָרָא אוּן סַיי אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שִׁיעוּר.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אוּן אִיךְ קוּם נִישְׁט אָן צוּ עֶנְטְפֶערְן גְלַייךְ, אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דָאס בֶּעסְטֶע דִיר צוּ עֶנְטְפֶערְן ווִי שְׁנֶעלֶער.

וָואס דוּ דַארְפְסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

בְּנוֹגֵעַ דַיינֶע חוֹבוֹת וְכוּ׳; **זַיי מֵפִיץ דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת**, נֶעם קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרַא״שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אוּן זַיי דָאס מֵפִיץ וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. גֵיי צְווִישְׁן אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵעֵדוֹת הַמִּזְרָח, דִי סְפַרְדִי׳ישֶׁע אִידְן וָואס מֶען הָאט זֵיי אַוֶועק גֶערִיסְן פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה; זַיי נֶעמֶען דִי סְפָרִים זֵייעֶר שֵׁיין אוּן זֵיי גֶעבְּן צְדָקָה.

אַז דוּ וֶועסְט עוֹסֵק זַיין אִין הַפָּצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן שֶׁפַע, עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט פֶעלְן קַיין גֶעלְט, דוּ וֶועסְט הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

א מעשה פון הפצה

ישראל פוקס - אומאן:

אפאר חדשים צוריק איז מיין שוואגער געווען אין שטאט אומאן, האב איך געזאגט ער זאל קומען צו מיר עסן שבת די סעודות, ער האט זיך זייער געפריידט.

שפעטער זאגט ער מיר אז ער האט אויך זיין טאטע און נאך איינער צוזאמען מיט אים, אויב זיי קענען אויך קומען צום סעודה, איך האב אים געזאגט עס איז נישט קיין פראבלעם, אדרבה זאלן זיי אויך קומען.

עס איז געווען גאר שיינע סעודות, מען האט גערעדט פון אמונה, די קינדער האבן פארציילט שיינע מעשיות פון תפילה, און אזוי אויך האבן זיי פארציילט וויפיל פרקים משניות און בלעטער גמרא זיי האבן געלערנט. זיי האבן זיך שיין באדאנקט פאר די געשמאקע סעודה, און זיי זענען צוריק געפארן נאך שבת.

נאך א שטיק צייט קלינגט מיר אן די גבאי פון בית המדרש היכל הקודש ירושלים און פרעגט מיר אויב דער אינגערמאן האט געגעסן א סעודה ביי מיר אין שטוב פאר א צייט צוריק? זאג איך אים "יא", פארוואס פרעגסטו? זאגט ער מיר אז דער אינגערמאן איז זייער נתפעל געווארן פונעם סעודה וויאזוי עס פירט זיך, און ער האט געוויסט אז איך נעם מיינע עצות פון היכל הקודש, האט ער געטראכט ער וועט גיין דאווענען אין בית המדרש היכל הקודש אין ירושלים, זעהן אפשר וועט ער אויך זיך קענען אויסלערנען וויאזוי מען פירט א שיינע שטוב מיט אזעלכע שיינע סעודות.

דער אינגערמאן האט אנגעהויבן דאווענען אין היכל הקודש, און האט אנגעהויבן הערן די עצות פונעם רבי'ן און עס האט אינגאנצן געטוישט זיין לעבן ברוך השם.

שכח אייבערשטער פאר דעם גרויסן זכות.

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

צו באקומען די וועכנטליכע עצות אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

email:subscribe@kerenhadfusa.org

קאל, טעקסט, וואטסעפפ: 718.387.2691

נייעס פון קרן הדפסה

קרן הדפסה נעמט זיך אונטער מזכיר זיין ביים ציון הקדוש פון מוהרא״ש

אין א פרישע באגריסנדע שריט פונעם ״קרן הדפסה״, האבן די עסקנים אינערהאלב קרן הדפסה אונטערגענומען א נייע אונטערנעמונג.

א שליח מיוחד פונעם קרן הדפסה וועט ספעציעל אראפגיין און מזכיר זיין ביים הייליגן ציון פון מוהרא״ש זי״ע און פועל'ן ישועות פאר אלע וואס וועלן מנדב זיין פון $100 א חודש און העכער.

דער ציון הקדוש פון מוהרא״ש אין יבנאל, איז שוין היינט גוט באקאנט אלס א מקום מסוגל צו פועל'ן ישועות, וואו טויזנטער אידן קומען כסדר צו פארן, און מען גיסט זיך דארט אויס דאס הארץ און מען גייט אהיים מיט פילע זעק פון ישועות.

ווי די עסקנים אינעם קרן הדפסה געבן איבער, טוען זיי דאס אלס הכרת הטוב, זעענדיג ווי אנשי שלומינו נעמען אויף מיט גרויס ווארימקייט די עסקנים וואס זענען עוסק אין די הייליגע ארבעט און דרוקן די הייליגע קונטרסים און ספרים, וואס ווערט פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט.

אלע וואס ווילן נעמען א חלק אין די הייליגע ארבעט פונעם קרן הדפסה, אזוי אויך ווער עס וויל זיך מזכיר זיין ביים הייליג'ן ציון פון מוהרא״ש אין יבנאל, זאל רופן צום קרן הדפסה אויף 718-387-2691 עקסט 103

אדער אימעיל newbuilding@kerenhadfusa.org.

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו

בילדער פון קרן הדפסה

מען דרוקט איבער ספר ״אוצר שלום בית״ פון מוהרא״ש זי״ע

הונדערטער ספרים פון ״אוצר שלום בית״ ארויס פון דריק

מען דרוקט די וועכנטליכע גליון ״היכל הקודש״

אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז״ל די וואך

אברהם יצחק אייזנער וויליאמסבורג	אברהם יושע וועבערמאן קרית ברסלב	שלום ניימאן מאנסי
שאול חיים איינהאהן סטעטן איילענד	לוי יצחק ווערטיימער קרית יואל	שמעון פארטיגאל מאנסי
שמואל בלעדי בארא פארק	לוי יצחק זאפיר בארא פארק	משה יחיאל פעלדמאן קרית ברסלב
גבריאל וואלף בארא פארק	מרדכי לייב טירנויער קרית יואל	זושא פריעדמאן מאנסי

צו מנדב זיין:

phone: 718.387.2691 103# | email:donate@kerenhadfusa.org | whatsapp: 518.966.2370

די גאנצע וועלט וועט הערן

קול ברסלב

די גרעסטע הפצה!

ראפט די צבור

ארייננצולייגן א עד פארן האטליין און פאר "עצתו אמונה" סאבסקריבשאן, אין די מאגנעטס וואס ווערט פארשפרייט אין אלע אידישע געגענטער ארום די וועלט!

וויליאמסבורג	$2,500	25,000
קעמסקילס (נמכר)	$2,000	15,000
בארא פארק (נמכר)	$2,500	30,000
לעיקוואוד	$2,000	15,000
פלעטבוש	$2,000	15,000
TEANECK	$1,300	7,000
קראון הייטס	$1,300	5,000
PASSAIC	$1,300	1,800
פייוו טאונס	$1,800	12,000
שיקאגא	$1,300	5,000
קווינס	$1,500	10,000
מאנטריאל - קרית טאהש (נמכר)	$1,500	4,000
מאנסי	$2,100	20,000
טאראנטא	$2,500	6,000
סקווירא	$1,000	1,500
סטעמפארד היל - לאנדאן	$1,800	15,000
מאנארא (נמכר)	$1,600	7,000
גאלדערס גרין (נמכר)	$1,300	7,000
בלומינגבורג	$800	300
מאנטשעסטער	$1,500	10,000

רופט יעצט: 347.789.7936

282 • DESIGN | 845.406.4250

א מעשה
פון א צדיק

צְדָקָה מִיט הַארְץ און גֶעפִיל

אֵיינְמָאל עֶרֶב סוּכּוֹת נָאכְמִיטָאג הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב גֶעזֶעהְן ווִי דִי אֶתְרוֹגִים סוֹחֲרִים גֵייעֶן שׁוֹין אַהֵיים מִיט אַזַא בְּרֵייטְקַייט, נָאכְן עֶנְדִיגְן פַאְרקוֹיפְן דִי אֶתְרוֹגִים. דֶער עֶרְשְׁטֶער בָּאבּוּבֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַן אֵיינִיקְל פוּנֶעם הֵיילִיגְ'ן צַאנְזֶער רָב הָאט גֶעזֶעהְן ווִי אַזוֹי זַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב רוּפְט זֵיי אַלֶע אַרַיין, אִיז עֶר גֶעוֶוען נֵייגֶערִיג וָואס קֶען עֶר וֶועלְן פוּן זֵיי יֶעצְט, וֶוען מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד דַאוֶונֶען? זֶעהְט עֶר ווִי אַזוֹי עֶר נֶעמְט יֶעדְן אֵיינֶעם עֶקְסְטֶער, און אִיז אִים מַסְבִּיר און בֶּעהְט אִים: אַזוֹי ווִי דוּ הָאסְט דָאךְ גֶעמַאכְט גֶעלְט פוּן פַארְקוֹיפְן דִי אֶתְרוֹגִים, און פוּן יֶעצְט בִּיז נָאךְ יוֹם טוֹב וֶועט אִיר שׁוֹין נִישְׁט נוּצְן דִי גֶעלְט, וֶועגְן דֶעם בָּארְגְט מִיר אוֹיס דָאס גֶעלְט, און נָאךְ יוֹם טוֹב דֶערְמַאנְט מִיר, און אִיךְ וֶועל אַייךְ אַלֶעס אָפְּגֶעבְּן. און זֵיי הָאבְּן אִים אַוַודַאי גֶעבָּארְגְט.

גְלַייךְ הָאט עֶר גֶערוּפְן דֶעם גַבַּאי צְדָקָה, און אִים גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצֶע לִיסְט וֶועם עֶר זָאל אַרִיבֶּער רוּפְן, פְרֶעגְט אִים דֶער אֵיינִיקְל: זֵיידֶע! הָאסְט דָאךְ שׁוֹין אוֹיסְגֶעטֵיילְט צְדָקָה פַאר דִי אַלֶע אָרִימֶעלַייט, פַארְוָואס גֶעסְטוּ יֶעצְט נָאכְאַמָאל, און דוּ וֶוערְסְט יֶעצְט אַ פְּרִישֶׁער בַּעַל חוֹב פוּן טוֹיזֶענְטֶער דָאלַארְן?! זָאגְט עֶר אִים: מַיין טַייעֶרֶער אֵיינִיקְל, אִיךְ וֶועל דִיר מַסְבִּיר זַיין: אֱמֶת טַאקֶע, דִי הוֹצָאוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב הָאבְּן זֵיי שׁוֹין, אָבֶּער קַיין 'עוֹנֶג' יוֹם טוֹב הָאבְּן זֵיי נִישְׁט, וַוייל זֵיי זֶענֶען אַ גַאנְץ יוֹם טוֹב צוּבְּרָאכְן און בַּאזָארְגְט, ווִי אַזוֹי זֵיי וֶועלְן הָאבְּן אוֹיף אַ גַאנְץ ווִינְטֶער? מְמֵילָא יֶעצְט גֶעבּ אִיךְ זֵיי, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן אוֹיפְן ווִינְטֶער, כְּדֵי זֵיי זָאלְן זַיין רוּאִיג און הָאבְּן אַ "עוֹנֶג יוֹם טוֹב".

אַזוֹי אוֹיךְ פַארְצֵיילְט מֶען, אַזוֹי ווִי דֶער סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז דֶער גַבַּאי פְלֶעגְט קוֹדֶם שְׁרַייבְּן דִי הַמְלָצָה בְּרִיוְון פַאר אָרִימֶעלַייט, און דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב פְלֶעגְט דָאס אוּנְטֶערְשְׁרַייבְּן, אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ אִיד, וָואס דֶער גַבַּאי הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, הָאט עֶר אִים אַלְץ אַוֶועק גֶעשְׁטוּפְּט און נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן קַיין הַמְלָצָה, אִיז דֶער אִיד גֶעגַאנְגֶען גְלַייךְ צוּם צַאנְזֶער רָב, און אִים פַארְצֵיילְט, אַז דֶער גַבַּאי ווִיל אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַמְלָצָה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיפְן גַבַּאי, עֶר רוּפְט אִים שְׁנֶעל אַרַיין, און עֶר פְרֶעגְט אִים: פַארְוָואס ווִילְסְטוּ אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין הַמְלָצָה? זָאגְט עֶר: אַז עֶר הָאט עֶפֶּעס וָואס צוּ רֶעדְן אַלֵיין צוּם רֶבִּי'ן. שִׁיקְט דֶער צַאנְזֶער רָב אַרוֹיס דֶעם אִיד, און דֶער גַבַּאי הֵייבְּט אָן מַסְבִּיר זַיין פַארְן רֶבִּי'ן: עֶס אִיז אַ בִּזָיוֹן אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט אַרוּם גֵיין מִיט אַייעֶר הַמְלָצָה, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר אַ פְּרָאסְטֶער מֶענְטְשׁ וְכוּ'. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב: אוֹיבּ אַזוֹי מוּז אִיךְ אִים יָא גֶעבְּן אַן הַמְלָצָה.

דֶער גַבַּאי הָאט נָאךְ פְּרָאבִּירְט צוּ טַעֲנָה'ן מִיטְן רֶבִּי'ן וֶועגְן דֶעם, רוּפְט זִיךְ אָן דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב און זָאגְט אִים: דוּ וֵוייסְט וָואס אִיז דִי חִילוּק צְוִוישְׁן מִיר מִיט דִיר?! אִיךְ גֶעבּ טוֹיזֶענְט הַמְלָצוֹת אַזוֹי אַז אֶפְשָׁר פוּן דִי אַלֶע טוֹיזֶענְט וֶועט זַיין אֵיינֶער אַ אֱמֶת'ער אָרִימַאן, און אִיךְ ווִיל טַאקֶע זוֹכֶה זַיין אִים צוּ הֶעלְפְן, אָבֶּער דוּ גֶעבְּסְט נִישְׁט פַאר טוֹיזֶענְט, מְמֵילָא בִּיזְטוּ נִישְׁט זוֹכֶה צוּ דֶעם אֵיינֶעם אֱמֶתְ'ן אָרִימַאן אוֹיךְ נִישְׁט.

(קונטרס "דו האסט אויך א עצה")

דעם רבי'נס נסיעה

קיין ארץ ישראל

קאפיטל 16

פאַרזעצונג פון פריער:

דִי אִידִישֶׁע קְהִלָּה אִין אִיסְטַאנְבּוּל הָאט נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט קַיין שׁוּם אִיד אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן שְׁטָאט, אוּן אַרוֹיסְצוּפָארְן אוֹיפְ'ן יַם, צוּלִיבּ וָואס טֶערְקֵיי הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן מִלְחָמָה קֶעגְן דִי פְרַאנְצוֹיזְן. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אוֹיף מְסִירוּת נֶפֶשׁ.

...

ר' יִצְחָק דֶער בַּאגְלֵייטֶער פוּנֶעם רֶבִּי'ן הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט אַהֵיימְפָארְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן, "וואוּ דֶער רֶבִּי וֶועט זַיין, וֶועל אִיךְ אוֹיךְ מִיטְגֵיין. זָאל עֶס זַיין צוּם לֶעבְּן אָדֶער צוּם טוֹיט - וֶועל אִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דָאךְ אָבֶּער דִי וֶועלְט, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי גֶעפִירְט אַז נָאךְ אַ טָאג צְוֵויי הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז עֶס גֶעפוּנְט זִיךְ אִין אִיסְטַאנְבּוּל אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק פוּן יְרוּשָׁלַיִם, [דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער בַּאקַאנְטֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן אוּן צַדִיק רֶבִּי יוֹם טוֹב אַלְגַאזִי זי"ע, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר "מַהַרִי"ט אַלְגַאזִי" אוֹיף הִלְכוֹת בְּכוֹרוֹת אוּן חַלָה, וָואס עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אִין אַ כְּתַב יַד פוּן הֵיילִיגְן רַמְבַּ"ן זי"ע. עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר דִי אָרֶעמֶע אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּן חֶבְרוֹן, עֶר אִיז גֶעוֶוען גָאר אַ הֵיילִיגֶער אוּן גֶעטְלִיכֶער מֶענְטְשׁ. עֶר אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל סוֹף יָאר תקנ"ח, אוּן עֶר אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן אוּם ב' אָדָר ב' תקס"ב, וּמְנוּחָתוֹ כָּבוֹד אוֹיפְ'ן הַר הַזֵיתִים], וָואס עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן דֶעמָאלְט אִינְמִיטְן זַאמְלֶען גֶעלְט פַאר אָרֶעמֶעלַייט אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעפְּלַאנְט צוּ בְּלַייבְּן אִין חוּץ לָאָרֶץ פַאר נָאךְ אַ יָאר.

אָבֶּער פְּלוּצְלִינְג הָאט אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אִין אִיסְטַאנְבּוּל, "אִיר זָאלְט וִויסְן אַז סְ'אִיז מִיר אַנְטְפְּלֶעקְט גֶעוָוארְן פוּן הִימְל אַז אִיךְ מוּז שׁוֹין צוּרִיק פָארְן קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וַוייל אִיךְ זֶע אַז עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ שׁוֹין דִי טֶעג צוּ מַיין פְּטִירָה. אָבֶּער אִיר דַארְפְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי פְרַאנְצוֹיזְן, אוּן אִיר דַארְפְט זִיךְ נִישְׁט זָארְגְן אַז אִידְן זָאלְן נִישְׁט פָארְן יֶעצְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל סְ'וֶועט זַיי זִיכֶער נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שׁוּם שָׁאדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זַיי אָפְּהִיטְן אוֹיפְ'ן וֶועג בִּיז קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל סְ'אִיז שׁוֹין אָנְגֶעשְׁרִיבְּן דִי פְּלַאץ וואוּ אִיךְ וֶועל בַּאעֶרְדִיגְט וֶוערְן אִין יְרוּשָׁלַיִם".

גְלַייךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט, זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן גֶעדִינְגֶען אַ גְרוֹיסֶע שִׁיף, אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן אַז וֶוער סְ'וִויל פָארְן מִיט דִי שִׁיף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאל קוּמֶען. עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין פִילֶע אִידְן, מֶענֶער פְרוֹיעֶן אוּן קִינְדֶער, סַיי אַשְׁכְּנַזִ'ישֶׁע אוּן סַיי סְפַרְדִ'ישֶׁע, אוּן אוֹיךְ דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שִׁיף צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דֶעם צַדִיק אַז עֶר זָאל אִים נֶעמֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין נִישְׁט קַיין צְפַת אוּן נִישְׁט קַיין טְבֶרְיָה.

מָאנְטָאג פַּרְשַׁת נִצָבִים, כ"ב אֱלוּל, הָאט דֶער שִׁיף אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן אוֹיפְ'ן מִיטְלְלֶענְדִישְׁן יַם, אוּן גְלַייךְ הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם וִוינְט אוֹיפְ'ן יַם, אוּן דִי שִׁיף אִיז גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, סְ'אִיז גֶעוֶוען "**יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת**" וְגוֹ' (תְּהִלִּים ק"ז, כ"ו), אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט אוֹיפְ'ן טוֹיט, קֵיינֶער הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אַז זֵיי וֶועלְן דָאס קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן, יֶעדֶער הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אֵיין נַאכְט אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ יוֹם כִּיפּוּר אוֹיפְ'ן שִׁיף, יֶעדֶער הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט וִידוּי אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, מְ'הָאט גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת אוּן אַנְדֶערֶע תְּפִלוֹת וְתַחֲנוּנִים, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן שְׁטִיל דִי גַאנְצֶע צַייט.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן פְרֶעגְן פַארְוָואס עֶר שְׁוַוייגְט אִין אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת צָרָה, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט. עֶס אִיז אָבֶּער דָארְט גֶעוֶוען דִי וַוייבּ פוּנֶעם רָב פוּן חַאטִין, וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעלֶערְנְטֶע פְרוֹי, אוּן זִי הָאט גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן דִי גַאנְצֶע נַאכְט, אוּן זִי הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן פַארְוָואס עֶר זִיצְט שְׁטִיל אִין אַזַא צַייט. דֶער רֶבִּי הָאט אִיר אָבֶּער אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּן גֶעזָאגְט, "הַלְוַאי וָואלְט אִיר אוֹיךְ גֶעשְׁוִויגְן, וָואלְט גֶעוֶוען גוּט פַאר אַייךְ. אִיר קֶענְט מִיר אוֹיסְפְּרוּבִּירְן, אוֹיבּ וֶועט אִיר שְׁטִיל בְּלַייבְּן, וֶועט דֶער יַם זִיךְ אוֹיךְ אָפְּשְׁטִילְן".

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְפִירְן, אוּן גְלַייךְ וֶוען דִי זוּן הָאט אוֹיפְגֶעשַׁיינְט הָאט דֶער יַם זִיךְ בַּארוּאִיגְט, "**יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה וַיֶּחֱשׁוּ גַּלֵּיהֶם, וַיִּשְׂמְחוּ**" וְגוֹ' (תְּהִלִּים ק"ז, כ"ט-ל').

א סעודה

מיט'ן ראש ישיבה

פרשת ויחי תשפ"ב - חלק ב'

דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו דערציילן פאר די קינדער די מעשה פון די זיבן בעטלערס מיט די בילדער בוך, אמאל האט מען געדארפט אנטלויפן, און א אינגל און א מיידל זענען פארלוירן געווארן אין וואלד, זיי זענען געווען זייער הונגעריג און זיי האבן נישט געהאט קיין ברויט, האט זיי דער אייבערשטער געשיקט א בלינדער בעטלער וואס ער האט זיי געגעבן ברויט, און ווען האט אנגעפאנגען צו וועקגיין האבן זיי געוואלט מיט אים מיטגיין אבער ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן נישט מיטקומען מיט אים. ער האט זיי געבענטשט און ער איז אוועקגעגאנגען. האט דער ראש ישיבה גערעדט פון די נקודה, אז א צדיק געבט פאר דעם מענטש ברויט, ער געבט פאר דעם מענטש זיינע עצות, און נאכדעם דארף דער מענטש אליינס אנהייבן צו לעבן. א צדיק קען נישט מיטנעמען א מענטש מיט זיך פיר און צוואנציג שעה א טאג. דער צדיק געבט אים זיינע עצות און יעצט דארף דער מענטש אליינס אנהייבן צו לעבן.

נאכדעם איז איינער פון די קינדער אריבערגעגאנגען אן אנדערן קינד'ס פלאץ און בטעות געשטופט זיין בענקל. האט יענע קינד געטענה'ט; יעצט דארפסטו צוריקרוקן מיין בענקל ווייל דו האסט עס גערוקט... האט דער ראש ישיבה אים געזאגט "בארויג דיך... דער רבי זאגט א מענטש דארף זיין ביי זיך עניו ושפל ברך, נישט האלטן פון זיך גארנישט."

נאכדעם האט דער ראש ישיבה ווייטער פארציילט די מעשה פון די זיבן בעטלערס, און ווען דער ראש ישיבה איז אנגעקומען צו די שטאמלדיגע בעטלער האט ער געפרעגט איינער פון די קינדער "דו האסט שוין געזאגט ש'כח אייבערשטער אז דו קענסט רעדן? האסט שוין געזאגט ש'כח אייבערשטער אז דו שטאמלסט נישט? האסטו שוין אמאל געזאגט ש'כח אייבערשטער אז דו קענסט געהעריג רעדן? האסט שוין אמאל געזאגט ש'כח אייבערשטער אז דו קענסט הערן? זאג ש'כח אייבערשטער אז דו קענסט הערן." און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער צו דאנקען דעם אייבערשטן פאר אלעס.

די קינדער האבן געזאגט אז זיי ווילן אויפשפילן די מעשה, ווער עס זאל זיין די אינגל, און ווער ס'זאל זיין די מיידל. האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו זינגען א ניגון וועגן א אינגל און א מיידל וואס זענען געגאנגען שפאצירן אין וואלד און געטראפן א בערעלע, און זיי האבן געזינגען "בערעלע אוי בערעלע עס אונז נישט אויף, מיין מאמע וועט דיך געבן א קיכעלע מיט יויך". נאכדעם האט איינער פון די קינדער זיך אנגערופן אז דער ראש ישיבה זינגט אויך אפאר מאל די ניגון פון די גאלדענע ציגעלע. האט דער ראש ישיבה געזאגט: אה דאס איז זייער א שרעקעדיגע ניגון, און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען: אונטער יצחק דוד'ס וויגעלע, שטייט א גאלדענע ציגעלע... דאס איז די בעסטע סחורה, יצחק דוד זאל לערנען די הייליגע תורה....

נאכדעם האט דער ראש ישיבה דערמאנט נאך א ניגון, פון א פאסטוך, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז די ניגון זינגט מען ווען אלע קינדער זענען שוין אין בעט, און דער ראש ישיבה טוט זיך אן א ליילעך און ער האלט א שטעקן און בייגט איין די רוקן אזוי ווי א פאסטוך... און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר אונז אז ס'איז זייער וויכטיג עס צו טון פאר די קינדער. דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען צו זינגען די ניגון דארט ביי די סעודה. אמאל איז געווען א פאסטוך, ער האט געהאט אסאך שעפעלעך, און איך געדענק שוין נישט פונקטליך ווייטער די ניגון. אינמיטן האט דער ראש ישיבה זיך געמאכט ווי ער שלאפט איין... און פלוצלינג האט דער ראש ישיבה געגעבן א שריי "געבט ער זיך א כאפ אויף!" און אלע קינדער האבן אנגעפאנגען צו לאכן... "זעט ער אז די שעפעלעך זענען נישט דא.." עס איז געווען זייער פרייליך און אלע קינדער האבן געלאכט און הנאה געהאט, און נאכדעם האט מען געבענטשט.

יעדעס מאל איך גיי צו א סעודה טראכט איך, וואס נאך קען שוין דער ראש ישיבה טון צו מאכן די סעודה פרייליך, אבער יעדע וואך טרעפט דער ראש ישיבה נייע אינטערעסאנטע וועגן צו מאכן די סעודה פרייליך און געשמאק.

בילדער
אפטיילונג

דער ראש ישיבה שליט"א ביים באזוכן אין שטעטל - דינסטאג וארא

ביים געבן א שיעור אין חדר

באזוכט די כיתה ט' קינדער

ביים געבן שלום עליכם פאר די חשובע קינדער

ביים קלאפן מזוזה ביי טייל פון די נייע הייזער אויף טווין ברידזש
רעכטס: אין שטוב פון ר' לייב ראטה הי"ו. לינקס: ביים קלאפן מזוזה אין שטוב פון ר' סענדר ראטה הי"ו

בילדער
אפטיילונג

באזוכט אינעם קאך פונעם מוסד אין שטעטל- ג׳ וארא

באזוכט אין תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל - ג׳ וארא

נייע בעגס אינעם שטעטל גראסערי

דער ראש ישיבה ביים געבן א שיעור אין לעיקוואוד - ד׳ וארא

דער ראש ישיבה שליט"א מתפלל ביים אהל - זונטאג וארא

פרישע הדפסה צומער געבויעט אין שטאט אומאן

פאַרשטיין די הייליגע תּוֹרָה

טײַערע קינדער, ווער וויל הערן אַ שיינע מַעֲשֶׂה, ווי אַזוֹי מיר קענען זוֹכֶה זײַן צוּ ווערן גרוֹיסע צַדִּיקים?

דער הייליגער רֶבִּי האָט דערציילט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח), ווען ער איז געווען אַ קליין אינגל האָט ער זייער שטאַרק געוואָלט ווערן אַ צַדִּיק. ער האָט געלערנט די הייליגע מִשְׁנָיוֹת, אין אָנהייבּ האָט ער נישט פאַרשטאַנען די מִשְׁנָיוֹת און עס האָט אים זייער ווי געטוּן אַז ער פאַרשטייט נישט דאָס לערנען, האָט ער זייער אַסאַך געוויינט צוּם אייבערשטן ער זאָל זוֹכֶה זײַן צוּ פאַרשטיין די מִשְׁנָיוֹת, ער האָט געוויינט און געוויינט בּיז דער אייבערשטער האָט אים געהאָלפן ער האָט אָנגעהויבּן צוּ פאַרשטיין די מִשְׁנָיוֹת.

ווען ער האָט שוֹין פאַרשטאַנען די מִשְׁנָיוֹת האָט דער קליינער נַחְמָן אָנגעהויבּן לערנען דעם הייליגן סֵפֶר הַזֹּהַר; ער האָט פּרוּבּירט צוּ לערנען און פאַרשטיין, ווען ער האָט געזען אַז ער פאַרשטייט נישט האָט ער זייער אַסאַך געוויינט צוּם אייבערשטן, ער האָט געזאָגט: "הייליגער בּאַשעפער איך וויל פאַרשטיין און וויסן דײַן הייליגע תּוֹרָה, העלף מיר, עפן מיר מײַנע אויגן, וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶךָ, מאַך מיר ליכטיג מײַנע אויגן אין די הייליגע תּוֹרָה", בּיז ער האָט זוֹכֶה געווען צוּ פאַרשטיין די הייליגע זוֹהַר.

הייליגער בּאַשעפער איך וויל פאַרשטיין די הייליגע תּוֹרָה

אַזוֹי איז געווען מיט יעדע סֵפֶר; ער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געלערנט, עס איז אים אָנגעקומען זייער שווער, האָט ער געוויינט צוּם אייבערשטן, ער האָט געבעטן דעם אייבערשטן זאָל אים העלפן - בּיז ער האָט פאַרשטאַנען און ער איז געוואָרן אַ גרוֹיסער צַדִּיק.

טײַערע קינדער, אויבּ מיר ווילן טוּן וואָס דער רֶבִּי האָט געטוּן; מיר ווילן לערנען די הייליגע תּוֹרָה און מיר ווילן וויינען צוּם אייבערשטן, מיר ווילן בּעטן דעם אייבערשטן: "הייליגער בּאַשעפער העלף מיר, איך וויל זײַן אַ צַדִּיק, איך וויל לערנען, איך וויל פאַרשטיין וואָס איך לערן; העלף מיר אייבערשטער, עפן מיר מײַנע אויגן אין די תּוֹרָה", דוּרכדעם וועלן מיר זײַן גרוֹיסע צַדִּיקים.

סודאקא

			2		
	6				
		3	1		
4		6	5		
	2				1
			4		

			6	9		8		
	7	4		8	1	3	6	
8	1		7		5		4	
	8	5				7		4
2	3						8	6
4		9				5	2	
	9		5		3		1	7
	4	1	9	7		6	5	
		2		4	6			

א שיעור מיטן רבי׳ן

אמת

ח. מֵרוּחַ פִּיו שֶׁל הַשַּׁקְרָן נַעֲשָׂה הַיֵּצֶר הָרָע, וּכְשֶׁיָּבוֹא מָשִׁיחַ, אָז לֹא יִהְיֶה שֶׁקֶר, וּבִשְׁבִיל זֶה לֹא יִהְיֶה יֵצֶר הָרָע בָּעוֹלָם.

טייטש. דֶער יֵצֶר הָרָע וֶוערְט בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ דִי לוּפְט וָואס קוּמְט אַרוֹיס פוּנֶעם מוֹיל פוּן אַ לִיגְנֶער. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין לִיגְנְט, אוּן דֶערְפַאר וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין אַ יֵצֶר הָרָע אוֹיף דִי וֶועלְט.



חידות אפטיילונג

מוהרא״ש האט איינגעפירט מען זאל זאגן יעדן טאג תיקון הכללי

וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?

א. נאך מנחה
ב. גלייך אינדערפרי
ג. נאך שחרית
ד. פארן שלאפן

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: **דער הייליגער רבי זאגט: זאגן תהלים איז מסוגל?**

ענטפער: א. פאר תשובה

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
חמי זעלקאוויטש תחי׳ קרית ברסלב
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת וארא?

פון ראַכטס צו לינקס.

1. אז דו וועסט נאכזאגן פון דער _____ _____ וועט זיין דרך ארץ
3. ביי מוהרא״ש אין שטוב האט געהאנגען א בילד פון _____ רבי
7. זיך געמאכט _____ נישט נכשל צו ווערן מיט א שלעכטן קוק
8. נישט יעדן קען מען מכבד זיין צו _____ אין בית המדרש
11. פאר דו טוסט נייע זאכן, קום _____
13. _____ נעמט ארויס דעם מענטש פון אלע עבירות
14. זיי זיך מוסר נפש צו דאווענען די דריי תפילות מיט _____
15. שבבי״ם זאלסטו זיך _____ אין לימוד משניות
20. א _____ _____ טאר נישט געפירט ווערן דורך איין מענטש
22. אז מען גייט צו טערעפי למען השלום, האט מען אינזין צו פטר'ן די _____
23. די ווייב באקומט כח ווען זי זעט איר מיין _____
27. אז מען טוט ווי די _____ באקומט מען א גרויסע שטראף
28. מ'ארבעט שווער און מ'כאפט ארויס משניות, דאס איז _____
29. קיינער דארף נישט וויסן דיינע _____ חשבונות
30. דורך די 2 זילבערנע _____ האט רבי נתן געקענט מקבל זיין פון רבי'ן
31. נאר _____ אידן האבן שלום בית
32. עס איז א זכי' צו האבן א מאן א _____ ביים רבי'ן
33. רעד מיט די בחורים וואס האבן נישט קיין _____

פון אויבן אראפ.

2. רוף דיין גאנצע משפחה צום סיום _____
4. נעמט זיך פאר נישט צו רעדן פון _____ _____
5. ווער נישט יענעמ'ס _____ _____, און ארבעט נישט מיט נסיונות
6. _____ _____איז די פונדאמענט פון א ריינע שטוב
9. דאווענען מאכט אז די קינדער זאלן זיך נישט דארפן _____
10. דאנק און לויב דעם אייבערשטן, וועט קומען נאך _____
12. שלעפ נישט דיין ווייב מיט כח צו _____
16. עמלק איז בגימטריא _____
17. מ'קען נאר _____ איינעם וואס וויל זיך העלפן
18. וואס מען לערנט אין די _____ יארן, בלייבט אויף א גאנץ לעבן
19. מיט עצות פון צדיקים האט מען א _____ _____
21. מען זאל שפירן אין בית המדרש, וואס מען שפירט ביים לערנען _____ _____
24. ביי אונז מאכט מען נישט קיין עסק פון _____
25. אז מען רעדט פון _____, וועט עס נישט זיין קיין פלאץ פון ליצים און הפקרות
26. דאווענען פאר'ן עמוד איז א סגולה פאר _____



בילדער
אפטיילונג

חתונה אין ישיבה פון החתן נתנאל נ"י בן ר' יואל פארקאש שליט"א גבאי בית המדרש היכל הקודש קרית יואל עב"ג הראש ישיבה שליט"א - זונטאג בא תשפ"ב

ר' נחמן שיק שליט"א זוהן פון מוהרא"ש זי"ע - ביים טאנצן מיט'ן חתן און מחותנים

הגה"צ רבי געציל בערקאוויטש דומ"ץ סאטמאר קרית יואל - ביים זיך משתתף זיין ביי די שמחת החתונה פונעם ראש ישיבה שליט"א

הגה"צ קארלסבורגער רב שליט"א זיידע פון די כלה - ביים טאנצן מצוה טאנץ

הגה"צ רבי מרדכי אהרן מייזליש שליט"א זיידע פון די כלה - ביים טאנצן מצוה טאנץ

ר' אברהם חיים פארקאש שליט"א זיידע פונעם חתן - ביים טאנצן מצוה טאנץ

ר' יואל פארקאש שליט"א טאטע פונעם חתן - ביים טאנצן מיט'ן חתן